בית ספר אורט-חולון

סוג בחינה : בגרות לבתי הספר העל יסודיים

**3 יחידות** : 570301

מועד הבחינה : יוני 2015

# י י ד י ש

שפת מורשת

הוראות לנבחן :

א. משך הבחינה שלוש שעות ( בכתב ).

ב. מבנה השאלון מפתח הערכה :

1. חלק א : דקדוק ותרגילי לשון 30 נקודות
2. חלק ב : הבנת הנקרא 20 נקודות
3. חלק ג : תרגום מיידיש לעברית 20 נקודות
4. חלק ד : חיבור 10 נקודות
5. חלק ה : בחינה בעל-פה 20 נקודות [מועד נפרד]

חומר עזר :

מותר לשימוש : מילון ממוחשב ייִדיש-עברית, עברית ייִדיש /

www.iddish.up.co.il **או**

www.iddish.host-center.co.il

## חלק א : דקדוק - 30 נקודות

### השלם את המשפטים בכינויי הגוף הנתונים בסוגריים: ( בחר 4 מתוך 7 ) - 5 נקודות

1. זי וועט לערנען מיט ( שלה )---- קינדער און מיט ( שלה )---- מאַמע.
2. צי אַרבעטן זיי מיט (שלנו)--- טאַטן ?
3. רחל דערציילט (לו)--- וועגן (שלכם )----- שול.
4. צי מוז איך שלאָפֿן אין ( שלו) ---- צימער ?
5. וואָס קענען זיי שרײַבן וועגן (שלי) ---- עלטערן?
6. ווער שרײַבט וועגן (שלו) .... לעבן ?.
7. צי ביסט דו (שלי )---- לערערין ?

### השלם במידת הצורך את המשפטים הבאים בתוויות ושמות תואר מתאימים: ( בחר 4 מתוך 8 ) – 5 נקודות

8. ווער האָט אָנגעשריבן ד--- וויכטיק--- ליד?
9. וואָס איז געווען אין ד--- אַלט---- שול?
10. ד--- יונג--- פֿרוי איז מײַן מאַמע ?.
11. איר ברענגט ד--- ווײַס—ברויט.
12 ד--- גוט--- בוך איז פֿון שלום-עליכמען.
13. ד-- שיינ- עלטערן קענען שפּאַצירן מיט ד--- קליינ-- אייניקלעך אויף ד-- גאַס.
14 אַלע קראַנק- קינדער דאַרפֿן בלײַבן אין ד-- היים.
15. ווען דאַרף ד-- ברודער שרײַבן ד--- בריוו.

### שרײַב איבער די זאַצן אין דער איצטיקער צײַט - ( בחר 2 מתוך 5 ) - 15 נקודות

16. עס וועט קומען יום-כּיפּור. גלײַך נאָך יום-כּיפּור וועט קומען דער יום-טובֿ סוכּות.
דער זיידע וועט בויען אַן אייגענע סוכּה בײַ אונדז אין הויז.
איך וועל העלפֿן דעם זיידן בויען די סוכּה.

17. מיר וועלן דעקן צו די סוכּה מיט סכך. דערנאָך וועלן אַלע זיצן אין דער סוכּה.
נאָך די אַכט טעג סוכּות וועט זײַן דער פֿרייִלעכער יום-טובֿ שׂמחת-תּורה.
דער זיידע הוליעט און ער וועט טאַנצן מיט אונדז.

18. איך וועל טראָגן אַ פּאַפּירענע פֿאָן און וועל זינגען פֿרייִלעכע שׂמחת-תּורה-לידער.
דער האַרבסט וועט זײַן אַ פֿרייִלעכע צײַט פֿון יאָר.
מיר וועלן עסן אַ סך פֿרוכטן. עס וועט שוין ניט זײַן אַזוי הייס און מען וועט קענען בעסער זיך שפּילן און אַרומלויפֿן.

19. מיר וועלן ברענגען אַ סך פֿרוכטן. באַלד וועט זײַן מײַן געבוירן-טאָג. איך וועל קריגן אַ סך מתּנות.
עס וועט זײַן אַ גרויסע שׂמחה. איך וועל ווערן 18 יאָר אַלט.

שרײַב איבער אין דער קומענדיקער צײַט ( בחר 1 מתוך 4 ) - 5 נקודות

20. ניצה האָט דערהאַלטן צו איר געבוירן-טאָג אַ סך שיינע מתּנות

21. ניצה האָט זיך שטאַרק געפֿרייט מיט די פֿישעלעך,

22. אַלע מאָל איז זי צוגעגאַנגען צו דער וואַזע .

23. ניצה האָט אָפּגעהיט די פֿישעלעך

## חלק ב : הבנת הנקרא - 20 נקודות

לייען דורך דעם טעקסט און ענטפֿער אויף די פֿראַגעס –

ענה על <u>סעיף אחד</u> בשאלות הבנת הנקרא ( 20 נקודות )

### 24. יענטע די בריה

יענטע האָט געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך . זונטיק האָט זי געקויפֿט אין מאַרק גרינסן. מאָנטיק האָט זי גענייט קליידער פֿאַר יתומים. דינסטיק האָט זי געדאַוונט בײַם כותל . מיטוואָך האָט זי געלערנט די סדרה פֿון דער וואָך. דאָנערשטיק האָט זי געקאָכט אויף שבת . פֿרײַטיק האָט זי געראַמט די שטוב . שבת האָט זי גערוט אַ גאַנצן טאָג.

ענטפֿער אויף די פֿראַגעס:

24.א ווען האָט יענטע געראַבעט אין דער שטוב?

24.ב וואָס האָט יענטע געלערנט?

24.ג פֿאַר וועמען האָט יענטע גענייט קליידער?

24.ד ווען האָט יענטע גערוט ?

24.ה וואָס האָט יענטע געקויפֿט אין מאַרק?

### 25. אַבֿרהם רייזען און דאָס ייִנגל מיט די צײַטונגען

אַבֿרהם רייזען איז געווען אַ גרויסער ייִדישער שרײַבער. ער האָט געשריבן שיינע פּאָעמעס און שיינע דערציילונגען.
אַבֿרהם רייזען דערזעט אַ ייִנגל וואָס פֿאַרקויפֿט צײַטונגען. דאָס ייִנגל ציטערט פֿון קעלט. אַבֿרהם רייזען האָט צוגערופֿן דאַס ייִנגל צו זיך. דאָס ייִנגל גיט אים אַ צײַטונג.
" ניין, ניט איין צײַטונג", האָט דער גרויסער שרײַבער געזאָגט, - "גיב מיר אַלע דײַנע צײַטונגען".
"אַלע?!" – האָט דאָס ייִנגל זיך געוווּנדערט.
צייל זיי אַלע איבער און גיב מיר". דאָס ייִנגל האָט איבערגעציילט דרײַסיק צײַטונגען.
אַבֿרהם רייזען האָט אים באַצאָלט פֿאַר אַלע צײַטונגען.

ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס :

25.א   ווי הייסט די מעשׂה?
25.ב   וואָס האָט דאָס יינגל געמאַכט?
25.ג   פֿון וואָס האָט דאָס קינד געציטערט?
25.ד   וואָס האָט דאָס קינד געגעבן אַבֿרהם רייזענען ?
25.ה   וואָס האָט געענטפֿערט אַבֿרהם רייזען?

## חלק ג : תרגום מיידיש לעברית – 20 נקודות
## זעץ איבער אויף העברעיִש: (בכל המשימות יש להעתיק את המשפט ביידיש, ואז לתרגמו לעברית)

אַ מעשׂה מיט הענט, הענט פֿון אַרבעטער, פֿון אַרבעטערינס – אַ סך הענט. פֿלײַסיקע הענט: זיי שטעפּן, זיי נייען, זיי פֿלאַנצן, זיי זייען, זיי אַרבעטן אין פֿאַבריקן, ווער בײַ לײַוונט, ווער בײַ לעדער, ווער בײַ האָלץ, – יעדער האַנט טוט איר מלאָכה, אַלע ברענגען גליק און ברכה. "פֿאַר ועמען?"

"פֿאַר דער גאַנצער וועלט!"

זיי געבן ברויט צו עסן, אַ קלייד צו באַקליידן, אַ שטוב צו וווינען, ניט אַלע הענט זענען גלײַך. ס'איז דאָ גרויסע הענט און קליינע, שטאַרקע הענט און שוואַכע, ס'איז אָבער דאָ אויך הענט פֿוילע...

זיי אַרבעטן ניט – ניט אין שטוב, ניט אין פֿעלד: ניט אין הויף, ניט אין גאָרטן און ניט אין פֿאַבריקן.

## חלק ד' :   חיבור – 10 נקודות 10 שורות

שרײַב אָן אַ קורצע קומפּאָזיציע וועגן זיך און וועגן דײַן צימער.

זײַט  מצליח !